בחצרות
# סאטמאר
צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און מודעות בחצרות סאטמאר די בכל אתר ואתר

בעזהשי"ת

*יום ד' פ' מטות | כ"ה תמוז | תשע"א | ע"ח:*

# באריכט:

## דרשת התעוררות פון קאסוב'ער רבי שליט"א בביהמ"ד הגדול ב"פ

אין בית מדרשינו הגדול אין בארא פארק האט נעכטן נאכט אויפגעטרעטן הגה"צ האדמו"ר מ'קאסוב שליט"א אין די ראמען פון די וועכענטליכע זוממער דרשות וואס קומט פאהר יעדן דינסטאג נאכט אין ביהמ"ד הגדול צוגעשטעלט דורך די התאחדות אברכים דקהלתינו הק'.

## וויכטיגע מסיבה היינט אין ב"פ לטובת "עזר לתלמיד" דישיבתיה"ק

הונדערטער אנ"ש תושבי בארא פארק וועלן אי"ה היינטיגען אווענט ארויסקומען און ווייזען זייער ווארימע שטיצע לטובת דעם בארימטן מפעל עזר לתלמיד וועלכער איז היינט צו טאג שוין א טייל פונעם פאנדומענט פון די פרעכטיגע ישיבה קטנה ויואל משה ד'סאטמאר אין בארא פארק.

דער מסיבה קומט פאהר אין שטוב פון אלעמען באקאנטן איש האשכולות מוה"ר מאיר אברהם מייזעלס הי"ו מחשובי טובי קהלתינו הק' אין בארא פארק אויף 1025 46'סטע גאס.

*-קומט און ברענגט מיט אייערע פריינד-*

## סיום הש"ס בקהלתינו הק' אין ירושלים לכבוד תומכי הכולל

אין בית מדרשינו אין ירושלים עיה"ק איז דעם היינטיגען אווענט פאהרגעקומען א סיום הש"ס לע"נ הרבני הנגיד מוה"ר ישראל הערצאג ז"ל פון בראזיל, וועלכע זיין משפחה זענען היינט צו טאג פון די גרויסע תומכים לטובת כוללינו המפוארה - כולל למצוינים ויואל משה ד'סאטמאר אין ירושלים עיה"ק.

## עצרת התעוררות אין די קענזינגטאן געגנט אין בארא פארק/פלעטבוש

אין די קענזינגטאן געגנט וואס גרעניצט בארא פארק מיט פלעטבוש וועט אי"ה היינט אווענט פאהרקומען א ספעציעלע עצרת התעוררות אין ליכט פון די טראגעדיע וועלכע האט אויפגעטרייסעלט בארא פארק מיט געני צוויי וואכן צוריק.

דער מעמד איז געווידמעט ספעציעל פאר תושבים פון די געגענט נאכדעם וואס די ביטערע מארד ל"ע איז פאהרגעקומען אין די דאזיגע געגענט ה"י.

דער מעמד קומט פאהר אין די זאלן פון עטרת מרדכי אום 8:00 אזייגער און עס וועט דארט אי"ה אויפטרעטן הגה"צ ר' שמעון זאב מייזליש שליט"א חדב"ן ורה דביהמ"ד ישמח משה בקרית יואל.

*-שובו אל ה'-*

❧•☙

דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נייעסן, בילדער,
און וויאזוי אויף ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:
BechatsrosSatmar@Gmail.com

ארויפצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין
מוז אריינגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען
פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.